# פרשת כי תבוא ט"ו – כ"א אלול תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תבוא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **משה יוסף הלוי האפפמאן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** בדרכו חזרה למעונו בעיר וויליאמסבורג יצ"ו, אחר שהותו במשך כל ימי הקיץ במחנה מתיבתא נחלת יעקב בלאק שעלדריק.

על הדרך נסע **רבינו שליט"א** לעיר קרית יואל לציונו של **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**, ושהה באמירת פרקי תהלים למשך זמן.

משם הלך **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **יעקב הערש פרידריך** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה. אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** לביתו נאוה קודש בוויליאמסבורג.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה יוסף האפפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך איז די פרשה פון ביכורים. ווען א יוד איז ארויסגעגאנגען אין זיין פעלד, און ער האט געזען אז זיין תבואה הייבט אן צו ווערן געצייטיגט, כורך עליו גמי, האט ער ארויפגעבינדען דערויף א גמי, ער האט עס מייחד געווען, אז דאס גייט ער ארויפטראגען צו די כהנים אין בית המקדש. די תורה האט געגעבן א מצוה צו זאגען דערויף א ווידוי, א הודאה וואס ער דאנקט דעם אייבערשטן, אז ער האט געקענט ברענגען אין בית המקדש ראשית פרי תבואתו.

**אין** יעדע מצוה איז דא א מוסר השכל. אויב פון די פרי האדמה ברענגט מען דעם ראשית פארן אייבערשטן, און ער דאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט אים געגעבן א פעלד וואס געבט ארויס פירות, וויפיל שבח והודאה דארף א יוד צו געבן פארן אייבערשטען, אז ער געבט אים פרי בטנו. דער באשעפער געבט אים נחת ביי די קינדער, און ער קען ערציען די קינדער, און זיי מגדל זיין צו תורה און עבודת ה'. וויפיל דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען, אז דאס קינד ווערט בר מצוה, און מען ברענגט אים אריין אינעם בית ה', און ער ווערט א חלק פונעם כלל ישראל.

**מען** זאגט אין די פרשה פון ווידוי מעשר, שמעתי בקול ה' אלקי, איך האב צוגעהערט צו דעם קול פונעם אייבערשטן, עשיתי ככל אשר צויתני, איך האב געטון אלעס וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען, לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי (דברים כו-יב). עס שטייט אין ספר **ויגד משה**, אז ער ברענגט צו פון זיין רבי'ן, דער **קרן לדוד**, ווי אזוי קען א יוד זאגען עשיתי ככל אשר צויתני, אז ער האט געטון אלעס וואס מען האט אים מצווה געווען.

**זאגט** ער זייער א שיינעם געדאנק, רש"י (שם כו-טז) ברענגט, אז ווען א יוד האט געברענגט ביכורים, בת קול מברכתו, האט אים א בת קול געבענטשט, און האט אים געזאגט, הבאת ביכורים היום, דו האסט געברענגט ביכורים היינט, תשנה לשנה הבאה, דו זאלסט זוכה זיין די קומענדיגע יאר נאכאמאל צו ברענגען ביכורים. אז עס זאל ארויסקומען א בת קול פאר א יוד, אז ער האט געברענגט ביכורים, און ער זאל זוכה זיין צו ברענגען ביכורים דאס קומענדיגע יאר, מוז זיין אז דער יוד האט מקיים געווען די מצוה פון ביכורים מיטן גאנצן שלימות. ווייל א מצוה וואס א יוד איז מקיים לשמה, דאס איז פרחית לעילא, דאס גייט ארויף אויבן. א מצוה וואס א יוד איז מקיים שלא לשמה, עס פעלט די שלימות און די אהבה און די יראה ביי די מצוה, לא פרחית לעילא, גייט נישט די מצוה ארויף אויבן. די אהבה און די יראה דאס זענען די גדפין, די פליגלען, פון די מצוה, וואס ברענגען עס ארויף אויבן אין הימל. מען געפונט אין פסוק, אז אמאל שטייט (תהלים קח-ה) כי גדול 'מעל' שמים חסדך, און אמאל שטייט (שם נז-יא) כי גדול 'עד' שמים חסדך, דרשנ'ט די גמרא (פסחים נ:), ווען א יוד טוט א מצוה לשמה, איז עס מעל שמים, גייט עס ארויף אויבן. אבער טאמער א יוד טוט א

מצוה שלא לשמה, בלייבט עס דא אינטען. אויב ער האט געטון די מצוה שלא לשמה, קען דאך נישט קומען א בת קול פון אויבן און זאגען הבאת ביכורים היום, דו האסט געברענגט ביכורים, ווען די מצוה איז גארנישט אנגעקומען אויבן, פון וואו דער בת קול קומט, די מצוה איז דאך געבליבען דא אינטען. אז א יוד האט זוכה געווען, אז עס קומט ארויס א בת קול אויף זיין ביכורים וואס ער האט געברענגט, איז א סימן אז ער האט מקיים געווען די מצוה בשלימות.

**זאגט** דער יוד בשעת ער איז זיך מתוודה, 'שמעתי בקול ה' אלקי', איך האב געהערט דעם בת קול וואס איז ארויסגעקומען און האט געזאגט, הבאת ביכורים היום. און אז איך האב געקענט הערן דעם קול, איז א סימן אז 'עשיתי ככל אשר צויתני', אז איך האב געטון אזוי ווי מען האט מצוה געווען. ווייל ווען עס וואלט נישט געווען עשיתי ככל אשר צויתני, קען מען נישט זוכה זיין צו הערן דעם קול ה' אלקי, וואס האט געזאגט הבאת ביכורים היום תשנה לשנה הבאה.

**עס** איז דא נאך א בת קול וואס קומט ארויס יעדן טאג. די משנה זאגט (אבות ו-ב), בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב, ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, יעדן טאג קומט ארויס א בת קול פון הימל, ווי איז פאר די יודען וואס טוען פארשעמען די תורה. שטייט פונעם **בעל שם טוב הק'**, וואס איז דער ענין פונעם בת קול. אויב מען הערט נישט דעם בת קול, וואס האט אויפגעטון דער בת קול וואס זאגט, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה.

**זאגט** דער הייליגער **בעל שם טוב**, יעדער בת קול וואס קומט אראפ, הערט עס די נשמה. דאס וואס א יוד האט פון צייט צו צייט א התעוררות צו טון תשובה, דאס נעמט זיך פונעם בת קול וואס ער האט געהערט. נאר מען איז טרוד מיט אנדערע זאכן, און מען טוט עס אוועקלייגען אין די זייט, און מען געבט זיך נישט אפ, מיט די בת קול וואס מען האט געהערט. אבער באמת איז יעדע יוד וואס האט א הרהור תשובה, נעמט זיך עס פון דעם בת קול וואס ער הערט, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה.

**און** דאס איז די כוונה פון 'שמעתי בקול ה' אלקי', נישט נאר אין דעם בת קול וואס מען האט אויסגערופן הבאת ביכורים היום, נאר שמעתי בקול ה' אלקי, אין דעם בת קול וואס קומט ארויס יעדן טאג און עס רופט אויס, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, איז וועגן דעם 'עשיתי ככל אשר צויתני', וועגן דעם האב איך געטון, אזוי ווי דער אייבערשטער האט מצווה געווען.

**ווען** דער אייבערשטער געבט די זכיה אז מען קומט אריין לעול המצות, מען ווערט א חלק פונעם כלל ישראל, מען ווערט מצווה אין אלע מצוות פון די תורה, דארף מען דערהערן דעם בת קול. עס איז דא אמאל וואס מען הערט, און עס איז דא אמאל וואס מען דערהערט. שמעתי בקול ה' אלקי, מען זאל שטענדיג גדענקען דעם בת קול אז עס איז אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, און מקבל זיין אויף זיך עול תורה, פלייסיג צו לערנען און דינען דעם אייבערשטען. דעמאלטס וועט מען זוכה זיין, עשיתי ככל אשר צויתני, אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטער, אזוי ווי דער אייבערשטער האט מצווה געווען.

*

***יום שני פרשת כי תבוא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **ארי' לייב האפפמאנן** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **יצחק לעבאוויטש** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יהושע האלענדער** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הר"ר **חיים אריה רובין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה.

אחר תפלת מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יעקב בערקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אביגדור שמואל מאנדל** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז גארדען. **רבינו**

**שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא. אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **אברהם משה ראטה** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **משה מנחם פיליפ** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

*

***יום שלישי פרשת כי תבוא***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי ועלה לביתו החדש של הר"ר **יעקב יוסף שימשאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** להיכל '**ישיבה קטנה נועם התורה**' שע"י קהלתנו הק', שפתחה שעריה לטובה בראש חודש אלול העעל"ט, עם כשלשים תלמידים מצויינים בתורה ויראת שמים, בהנהלת הר"י **הרה"ג רבי יואל גרובער שליט"א**.

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת מנחה בהיכל הישיבה, אחר מנחה השמיע דברות קודש לתלמידי הישיבה בגודל מעלת שנות הבחרות, אשר זהו ביכורי שנות חיי האדם שצריכין להקדיש כולו לה', הן בלימוד התורה בהתמדה ובשקידה מרובה, והן בעבודת התפלה מעומק הלב ובכוונת הדברים, ועבודה בתיקון המדות, ולהרבות בלימוד ספרי מוסר וחסידות, ולקבל לקח מוסר שמשמיעים רמ"י הישיבה בכל עת ועונה (תוכן הדברות קודש במילואו נדפסו בסוף הגליון).

אחר הדרשה עברו בחורי הישיבה לקבל שלום וברכת הקודש מאת **רבינו שליט"א**.

בסיום הביקור הרעיף **רבינו שליט"א** טללי ברכות להעסקנים חברי וועד הישיבה שיחי', העובדים בלי ליאות במסירות נאמנה למען הצלחת הישיבה, ופרי עמלם נושא פירות לטובה.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל הר"ר **פנחס שלום בערגער** שליט"א.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי יוסף הורוויץ שליט"א** ראה"כ מונקאטש (**החתן כ"ק האדמו"ר מונקאטש שליט"א**) להזמין את **רבינו שליט"א** לנשואי בנו החתן נ"י בשעטו"מ, עב"ג בת **הרה"ג רבי צבי אלימלך רוקח שליט"א** אב"ד בערטש (**החתן כ"ק האדמו"ר ממודזיץ פלעטבוש שליט"א**).

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ווען מיר זענען געקומען קיין אמעריקא תש"ט, האט זיך דער אלטער **מאדזישצער רבי, רבי שאול ידידי'** (בעל ישא ברכה), געצויגען קיין ארץ ישראל, און מיין טאטע האט דעמאלטס אפגעקויפט זיין בית המדרש דא אין וויליאמסבורג. ער האט געוואוינט דא אין וויליאמסבורג אויף סאוט 5, און מיין טאטע ז"ל האט געוואוינט אין זיין דירה. שפעטער האט מען צוווארפען די הייזער דארט, און מען האט געמאכט די עקספרע"ס ווע"י צווישן וויליאמסבורג און בארא פארק.

וואס מאכט דער שווער?

**הגר"י:** ב"ה, מען מאכט א שמחה, בשורה טובה תדשן עצם.

**הגר"י מסר דרישת שלום מאת**
**הרב רבי יהושע שליט"א**

**רבינו:** פאר דעם פלאגט מען זיך, ואת עמלינו אלו הבנים, די עמל פון א מענטש איז פאר די קינדער.

**הגר"י:** איך בין מסופק פון ווען עס קומט די קעפלעך פאר יעדע קאפיטל תהלים. מיין טאטע ז"ל (**הגה"צ רבי אלתר יחזקאל הורוויץ זצ"ל** ראב"ד דקהלתנו הק' בב"פ) האט מיר געזאגט, אז ער האט געהערט, אז עס קומט פון **רבי סעדיה גאון**.

**רבינו:** מיר האבען יעצט ארויסגעגעבן דעם ספר **ויגד משה** אויף תהלים, און ער ברענגט דארט אין סוף פון די פתיחה פון **שו"ת הרשב"א** (ח"א סימן תיג), אז עס קומט פון **שימוש תהלים**, און דער מחבר איז געווען **רב האי גאון**.

**הגר"י:** פאר קאפיטל ט"ז שטייט, אז ווען א מענטש איז מתפלל צום אייבערשטען, זאל ער נישט בעטן אין זיין אייגענעם זכות, ווייל זיין זכות דארף ער איבערלאזן פאר זיינע קינדער.

**רבינו:** איך האב פונקט יעצט געלערנט די גמרא אין מסכת שבת (ל.), אז דבקו שערים זה בזה, און שלמה המלך האט געזאגט כ"ד רננות. רש"י ברענגט צוויי פשטים, איינס, אז אין די פסוקים פון מלכים איז דא פיר און צוואנציג לשונות, וואס ער האט מתפלל געווען אויף די חנוכת הבית. נאך א פשט זאגט רש"י, אז אין א תענית האט מען

מתפלל געווען כ"ד ברכות. ולא נהירא, די פשט געפעלט אים נישט. איז דא אין די פירושים פון **רבי אליעזר הורוויץ**, אז די כ"ד רננות איז די פיר און צוואנציג קאפיטלעך תהלים. און ביי די פיר און צוואנציגסטע קאפיטל, ווען ער איז צוגעקומען צו דעם סיום פונעם קאפיטל, שאו שערים ראשיכם, דעמאלטס האבען זיך די טויערן געעפענט[א].

**וברכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפען, אז עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, מיט אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

**ובירך להחתן:** דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און עס זאל זיין א בנין עדי עד, מען זאל קענען אויפשטעלן א שיינע יודישע שטוב.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יצחק יעקב כייעם** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **נחמיה יעקב הערצאג** הי"ו (לעיקוואד), שהתקיים באולם הילמאן פלאזא. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, ונתכבד באמירת השבע ברכות. אחר כך רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

***וזה תוכן השיחה:***

**ווען** מען מאכט די ברכה בורא נפשות, זאגט מען בורא נפשות רבות וחסרונן, על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי. דער פשוטער פשט איז, 'בורא נפשות רבות', דער אייבערשטער באשאפט אסאך נפשות, 'וחסרונן', און ער באשאפט אויך וואס עס פעלט אויס פאר זיי, און ער דאנקט דעם אייבערשטען 'על כל מה שבראת', אויף וואס ער האט באשאפן 'להחיות בהם נפש כל חי, ברוך חי העולמים'.

**אבער** דער פשוטער לשון איז בורא נפשות רבות, אז דער אייבערשטער באשאפט אסאך נפשות, וחסרונן, מיט זייערע חסרונות, פארוואס דארף מען דאנקען דעם באשעפער, אז עס איז דא חסרונות. מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, ווען עס איז נישט דא א חסרון. און באמת דארף מען פארשטיין, פארוואס האט טאקע דער אייבערשטער אזוי באשאפן די וועלט, אז א מענטש האט נישט אלעס. פאר דעם פעלט איין זאך, און פאר דעם פעלט די צווייטע זאך. און דער זעלבער מענטש אליין האט אין משך פון די יארן וואס ער לעבט פארשידענע זמנים, איינמאל האט ער ווייניגער, איינמאל האט ער מער. דער אייבערשטער איז דאך א נצחי, דעם אייבערשטען'ס זאכען זענען מיט א שלימות, פארוואס האט דער אייבערשטער באשאפן אזא וועלט, וואס מענטשען האבען נישט אלעס וואס זיי דארפן צו האבען.

**איך** האב געטראכט, איך האב געזען אין **שיר מעון** פון **רבי שמעון סופר**, [אמאל איז עס געווען געדרוקט צוזאמען מיטן **חתם סופר**, און אין די נייע דרוק האבען זיי עס געלייגט צום סוף], אין די מאמרים אויף אגדות הש"ס, אז רש"י (כתובות ח:) זאגט, אז ביי א שבע ברכות מאכט מען צוויי מאל די ברכה יוצר האדם. איין ברכה איז, ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם יוצר האדם, און א ברכה נאכדעם ענדיגט זיך אויך, ברוך אתה ה' יוצר האדם. און רש"י זאגט, אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן חוה, איז עס געווען שתי יצירות, זי איז באשאפן געווארן אויף צוויי ערליי אופנים. און ער ברענגט צו א ילקוט (בראשית רמז כד), אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן חוה דאס ערשטע מאל, און ער האט איר געברענגט צו אדם הראשון, איז זי געווען געווען מלא רירין ודם, און זי איז געווען מאוס אויף אדם הראשון. און דער אייבערשטער האט איר נאכאמאל באשאפן, און דאס צווייטע מאל איז ער געווען צופרידן, און אויף דעם מאכט מען די צוויי ברכות יוצר האדם. איין

[א] בדרשת פרקי אבות פ' כי תבוא העעל"ט ציטט **רבינו שליט"א** דברי הגמרא הנ"ל, ושהכ"ד רננות המה כ"ד מזמורי תהלים הראשונים, ושכן משמע **במהרש"א** (סנהדרין קז:). וביאר בזה מה שמצינו לפעמים במקרא אחר פטירת דוד שנכתב דויד מלא יו"ד. לפי ש'דוד חסר בא להורות על פגם החטא שחטא בבת שבע ונתחסר אות משמו שורש הנפש, אבל אחר פטירתו בחיי שלמה בנו שאז נודע שנמחל לדוד על חטאו, נתמלא שמו בשלימותה ונקרא דוי"ד מלא. והנה מה שמחל לו הקב"ה על אותו העון היתה אחר שאמר שלמה הכ"ד רננות, בבקשת שאו שערים ראשיכם וגו', ולזה דוי"ד מלא בגימטריא כ"ד, שאז בא לתיקונו בשלימות וידעו כולם שנמחל לו עוונו.

ברכה איז אויף די ערשטע יצירה, און איין ברכה מאכט מען יוצר האדם אויף די צווייטע יצירה.

**שטעלט** זיך **רבי שמעון סופר** און ער פרעגט, אויב די ערשטע יצירה איז געווען שלא לתכלית, און אדם הראשון האט נישט געהאט קיין סיפוק אין די יצירה, פארוואס דארף מען ביי יעדע שבע ברכות מאכען א ברכה יוצר האדם, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די ערשטע יצירה. למאי נפקא מינה די ערשטע יצירה, עס איז דאך א זאך וואס איז נישט געבליבען.

**זאגט** דער הייליגער **רבי שמעון סופר**, דער **ערלוי'ער רב**, א מענטש קען נישט דאנקען דעם אייבערשטען אויף וואס ער האט, נאר ווען ער האט קודם געהאט א חסרון. ווען אדם הראשון וואלט געזען אז אלעס איז גוט, וואלט ער געמיינט אז אזוי קומט עס. אבער ווען ער האט געזען אז עס קען זיין אנדערש אויך, דער אייבערשטער האט איר קודם באשאפן אויף אזא אופן, וואס איז נישט געווען לפי רוחו, און נאכדעם האט ער נאכאמאל באשאפן חוה, אז עס זאל זיין לפי רוחו, דעמאלטס האט ער געדאנקט פארן אייבערשטען. דעמאלטס האט ער פארשטאנען דעם לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח). דאס איז געווען דער טעם פארוואס דער אייבערשטער האט באשאפן חוה צוויי מאל.

**און** מיר דאנקען דעם אייבערשטען אויף ביידע יצירות. ווייל ווען א יוד וואלט נאר געדאנקט אויף איין יצירה פון חוה, וואלט ער געמיינט אז אלעס קומט זיך אים, עס קומט אז עס זאל זיין אזוי. האט דער אייבערשטער קודם באשאפן חוה אויף א וועג וואס זאל זיין נישט לפי רוחו פון אדם הראשון, און נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן די צווייטע מאל חוה, האט ער פונעם חסרון פארשטאנען די חשיבות פון די יצירה פון חוה. מאכט מען א ברכה סיי אויף די יצירה הראשונה, און סיי אויף די יצירה האחרונה.

**אין שלום בית ווייסט מען, אז דעם ערשטען מאל וואס מען האט חתונה, איז דא אסאך מאל יונגעלייט וואס ווייסען נישט ווי אזוי זיך אויפצופירן. מען מיינט אז עס דארף זיין אזוי און אזוי, און מען ווארט אז אלעס זאל זיין אויסגעשטעלט לויט זיין גוסטע, און נישט אייביג שטעלט זיך עס אויס, אזוי ווי מען וויל. לא עלינו ביי א זיווג שני, דארט שלינגט מען שוין אלעס, דארט ווייסט מען שוין, אז ווי אזוי עס איז, דארף מען עס אננעמען. און מען קען זיך נישט קלויבען, און מען ווייסט שוין צו שווייגען. דער חכם טוט שוין ביים זיווג ראשון, וואס א צווייטער טוט ביי זיווג שני. ער לערנט זיך אויס תיכף, אז עס מוז נישט זיין אלעס אזוי ווי מען וויל, עס איז נישט אייביג צוגעשטעלט פארן מענטש. אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן, אמאל איז עס א עזר, און אמאל איז עס כנגדו. די צווייטע מאל שפירט ער עס שוין אויף זיך אליין, און דעמאלטס קען ער שוין משלים זיין מיטן מצב. די חשיבות איז, אז דעם ערשטען מאל זאל מען האבען דעם שכל, כאילו ער וואלט עס געטון די צווייטע מאל.**

**דאנקט** מען דעם אייבערשטען, בורא נפשות רבות, דער אייבערשטער האט באשאפן נפשות רבות, וחסרונן, און ער האט באשאפן אז א מענטש האט נישט אלעס. אמאל פעלט אים געלט, אמאל פעלט אים געזונט, ווען ער וואלט אייביג געהאט אלעס וואס ער דארף האבען, וואלט ער נישט געוואוסט צו דאנקען דעם אייבערשטען אויף די חסד וואס דער באשעפער טוט מיט אים. ער וואלט געמיינט אז עס קומט זיך אזוי, א מענטש דארף אייביג זיין געזונט, און ער דארף אייביג האבען כבוד, און ער דארף אייביג האבען עשירות, ער דארף אייביג האבען וואס ער דארף, עס קומט זיך אזוי. זאגט מען, ניין, בורא נפשות רבות, דער אייבערשטער האט באשאפן נפשות רבות, וחסרונן, און ער האט באשאפן אז מענטשען זאלן נישט האבען אלעס. און די תכלית פון דעם איז געווען, להחיות בהם נפש כל חי, דאס וועט געבן א חיות פאר נפש כל חי. ווען א מענטש ווייסט, אז א מענטש האט נישט אלעס, ער קען נישט האבען אלעס, ער זעהט ליידער וואס אנדערע גייען אדורך און האבען עס נישט. וויפיל איז דא וואס טרעפן נישט א שידוך, און וויפיל איז דא וואס טרעפן א שידוך וואס עס איז זיי אסאך מאל גרינגער אן דעם שידוך. און אז דער אייבערשטער העלפט, אז מען טוט א שיינעם

שידוך, ענבי הגפן בענבי הגפן, א בחור וואקסט אויס א תלמיד חכם, און ער איז זוכה נאכדעם צו נעמען א בת תלמיד חכם, דעמאלטס קען מען באמת דאנקען דעם אייבערשטען אויף דעם חסד וואס דער באשעפער האט אים געטון.

*

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי שמעון יואל וויינבערגער שליט"א** דומ"ץ סקולען וויליאמסבורג (חתן כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א), עב"ג **בן הרה"ג רבי נפתלי צבי מאסקאוויטש שליט"א** (בן הגה"צ אדמו"ר משאץ מאנסי שליט"א), שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו לסב הכלה **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א** ולהמחותנים הרבנים הגאוה"צ שליט"א.

*

***יום רביעי פרשת כי תבוא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר"ר **חיים יודא שפיטץ** הי"ו (בן הר"ר בן ציון שלום שפיטץ הי"ו), עב"ג בן הר"ר **צבי יוסף שענבערגער** הי"ו (לעיקוואד), שהתקיים באולם עטרת חיה. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **מאיר גרינפעלד** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **יקותיאל הלל שפיטצער** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום חמישי פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה לתפלת מנחה. אחר מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו (בן הר"ר גרשון כ"ץ הי"ו), שהתקיים באולם ריווער טערעס, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך איז די פרשה פון ביכורים, והיה כי תבוא אל הארץ, ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, און ער האט געזען אז עס האט אנגעהויבען צו וואקסען די פירות פון זיין פעלד, און עס קומט ארויס די ערשטע פרי, כורך עליה גמי, האט ער עס ארומגעבינדען מיט א סימן, אז דאס גייט ער ארויפטראגען אין בית המקדש פארן אייבערשטן. און ער האט גענומען א קארב מיט פירות, און ער האט עס ארויפגעטראגען אין בית המקדש, און ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע שוועריקייטן וואס ער איז אדורך אין זיין לעבן. ער איז געווען אין מצרים, און דער אייבערשטער האט געהאלפן פאר יודען אין מצרים, און ער האט אונז אריינגעברענגט קיין ארץ ישראל, און ער האט אונז געגעבן דאס לאנד און די פירות. ער האט אפגעגעבן א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, אויף די טובות וואס דער אייבערשטער האט מיט אים געטון. און ער ענדיגט מיט א ברכה, השקיפה ממעון קדשך מן השמים, אז דער אייבערשטער זאל אראפקוקען פון הימל, וברך את עמך את ישראל, און ער זאל בענטשען זיין פאלק יודען. ובת קול מברכתו, הבאת ביכורים היום, זאל ער זוכה זיין עס אויך צו ברענגען לשנה הבאה (רש"י דברים כו-טז).

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז יעדע מצוה אין די תורה, איז אויסער די עצם מצוה אליין, האט עס אין זיך א לימוד פארן מענטש, זיך אראפצולערנען דערפון א וועג אין עבודת ה'. די מצוה פון ביכורים לערנט אונז, אז אזוי ווי א יוד דארף מקדש זיין די פרי האדמה. די ערשטע פרי וואס קומט ארויס פון די ערד, געבט ער אוועק פארן רבונו של עולם, איז א כל שכן אז ווען דער אייבערשטער האט געגעבן פאר א מענטש קינדער, פרי הבטן, וואס איז אסאך חשוב'ער פון פרי האדמה, דארף ער מקדיש זיין די ראשית פון זיין פרי הבטן פארן רבונו של עולם. די ערשטע יארן פון א קינד, איז מען מקדיש פאר תורה און עבודת ה'. מען גייט אין חדר, און שפעטער אין ישיבה, ווי מען זיצט און מען לערנט, און מען האט חתונה און מען גייט אין כולל. די ערשטע יארן פונעם לעבן, געבט א מענטש אוועק פארן רבונו של עולם. און אז דער ראשית איז קודש לה', ווערט נאכדעם זיין גאנץ לעבן נגרר אויף דעם וועג. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון ביכורים, אז מען זאל זיך

אראפלערנען, פונקט ווי ביי פרי האדמה, ווען דו זעהסט ווי עס הייבט אן ארויסצוקומען א פרי, ביזטו כורך עליה גמי, דאס בין איך מקדיש פארן אייבערשטען, אזוי דארף א יוד אוועקגעבן זיינע יונגע יארן פארן רבונו של עולם.

**און** אזוי ווי דארט איז די מצוה ושמת בטנא, און אין **בעל הטורים** שטייט א רמז, אז טנא באטרעפט ששים, זעכציג. ווייל ביכורים איז אחד מששים (ירושלמי ביכורים י:), דאס זעלבע איז אויך ביי פרי הבטן, וואס א יוד איז מקדש פארן אייבערשטען, איז דא זעכציג מסכתות אין ש"ס, ששים המה מלכות ועלמות אין מספר (שיר ו-ח), א יוד דארף מקדש זיין די ראשית פון זיין פרי הבטן, ושמת בטנא, ער דארף אוועקלייגען זיין קינד אז ער זאל עוסק זיין אין תורה, און ער זאל אים ברענגען אל בית ה' אלקיך, אינעם בית פון אייבערשטען.

**עס** שטייט אין די גמרא (ירושלמי יבמות ח:) אז מען האט געזאגט אויף רבי יהושע אשרי יולדתו (אבות ב-ח), וואויל איז די מאמע וואס האט אים געבוירן. ווייל ווען ער איז נאך געווען קליין, ער האט נאך אפילו נישט פארשטאנען וואס מען רעדט, פלעגט אים די מאמע אריינגעטראגען אין בית המדרש אין א וויגעלע, ער זאל זיך אנזאפן זיינע אויערן מיט דברי תורה. און מען האט געהאלטען, אז דאס וואס רבי יהושע איז אויסגעוואקסען אזוי גרויס, האט זיך גענומען פון דעם, וואס פון די יונגע יארן אן, האט ער געהערט א קול תורה, וואס איז אים אריין אין די אויערן. זאגט די תורה, אז פונקט ווי מען ברענגט די פרי האדמה בית ה' אלקיך, אזוי דארף מען אויך ברענגען די פרי הבטן בית ה' אלקיך, כדי די אויערן זאלן שטענדיג הערן דברי תורה, און זיך נישט אנזאפען מיט זאכען וואס איז היפך פון די תורה. אפילו א קינד פארשטייט נישט, פון דעסטוועגן דאך גייט עס אריין, און יעדע דיבור וואס מען הערט מאכט א רושם אין א נפש בישראל.

**און** די תורה זאגט, ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם, דו זאלסט נישט זאגען, אז אמאל איז געווען בעסערע דורות, אמאל איז די תורה געווען תורה לשמה, אמאל איז געווען תורה בקדושה, עס איז שוין נישט דא היינט די מדריגות וואס איז געווען אמאל, מיר קענען נישט צוריקברענגען די פריערדיגע דורות. נאר ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם, קום צו דעם כהן וואס איז בימים ההם, דור דור ודורשיו, יעדער דור האט זיך זיינע דורשים, און אים זאלסטו ברענגען די ביכורים.

**עס** שטייט אין ספרי, השקיפה ממעון קדשך מן השמים, וברך את עמך את ישראל, ברך אותם בבנים ובבנות, דו זאלסטט זיי בענטשען בבנים ובבנות. שטייט אין די מפרשים, אז נאכדעם וואס א יוד האט געברענגט די ביכורים, און ער האט זיך אראפגעלערנט דערפון, אז אזוי דארף מען אויך מקדיש זיין די קינדער פארן אייבערשטען, איז ער מתפלל, איך האב היינט געברענגט ביכורים, השקיפה ממעון קדשך מן השמים, פונקט ווי איך בין מקדיש די ביכורים פארן אייבערשטען, וברך את עמך את ישראל, זאלסטו אויך בענטשען די בנים ובנות פון יודישע קינדער, אז זיי זאלן אויך קענען ערצויגען ווערן אויף דעם וועג.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדת **הגה"צ אב"ד וויזניץ ומסב"ג שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש וויזניץ (וומסב"ג). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו להמחותנים הרבנים הגאוה"צ שליט"א.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף (עם השטריימעל) אצל שמחת החתונה של בן **הרה"ג רבי יוסף האראוויץ שליט"א** ראה"כ מונקאטש (חתן מחותנו כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי צבי אלימלך רוקח שליט"א** אב"ד בערטש (חתן כ"ק האדמו"ר ממודזיץ פלעטבוש שליט"א), שהתקיים באולם פאלאס. **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו לסב החתן **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** ולהמחותנים הרבנים הגאוה"צ שליט"א.

*

***יום שישי פרשת כי תבוא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו**

**שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף אייזענבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך איז די פרשה פון די ברכות. דער אייבערשטער זאגט, אז אויב מען וועט גיין אין די דרכי התורה, וועט דער אייבערשטער בענטשען יודען. ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה, דו וועסט זיין געבענטשט אין די שטאט, און דו וועסט זיין געבענטשט אינדרויסען אויפן פעלד. ברוך פרי בטנך, דיינע קינדער וועלן זיין געבענטשט, ופרי אדמתך, און די פירות, ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך. אויף די ווערטער ברוך פרי בטנך, איז די נגינה דערויף א דרגא תביר. יעדע נגינה האט דאך א שייכות אויך צו די פירוש פונעם פסוק.

**קען** זיין אז עס ליגט דערין א רמז, אז מען וויל מחנך זיין קינדער, אז זיי זאלן גיין אויפן ריכטיגען וועג, קאסט עס אסאך צייט. א מענטש דארף אוועקגעבן פון זיין צייט, אויף מחנך זיין קינדער. ער שטיט שוין אסאך העכער פונעם קינד, און ער קען זיך אסאך מאל נישט אראפלאזן צו די מדריגה פונעם קינד, אבער אז מען וויל מחנך זיין א קינד, מוז מען זיך קענען אראפלאזן צו פארשטיין דאס קינד. פארשטיין זיין מחשבה, פארשטיין מיט וואס מען קען כאפן דאס קינד, און מיט וואס מען קען צוברענגען אז ער זאל מקבל זיין וואס מען זאגט.

**עס** איז דא א ווארט פונעם הפלאה, די גמרא (מו"ק יז.) זאגט, אם הרב דומה למלאך ה' צבאו'ת, יבקשו תורה מפיהו, אויב דער רבי איז דומה צו א מלאך ה', זאל מען מקבל זיין תורה פון אים, ואם לאו אל יבקשו תורה מפיהו. און די וועלט פרעגט, ווער האט געזען א מלאך, אז ער זאל קענען מדמה זיין, צו דער רבי איז א מלאך צו נישט. מוז דאך זיין על כרחך אז דער פשט דערפון איז, אז עס איז דא א געוויסער ענין וואס מען זעהט ביי די מלאכים, וואס דער רבי דארף זיך צושטעלן, און זיין אזוי ווי דער ענין וואס מען זעהט ביי א מלאך.

**א** מענטש איז א הולך, און א מלאך איז אן עומד. א מענטש גייט יעדן טאג העכער און העכער, ער איז א קינד, נאכדעם א בחור, און א יונגערמאן, בן ארבעים לבינה, ער גייט אלץ מיט א העכערע מדרגה פון וואס ער איז געווען פריער, דאס איז טייטש אז א מענטש איז א הולך. א מלאך איז א עומד, אזוי ווי ער איז באשאפן געווארן, אויף די זעלבע מדריגה איז ער שטענדיג. זיי טוען שטענדיג משבח זיין דעם אייבערשטען, אבער עס איז נישט שייך ביי זיי אן עילוי, אז ער זאל נתעלה ווערן פון וואס ער איז געווען פון פריער. ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה (זכריה ג-ז), די מלאכים הייסען עומדים.

**א** רבי וואס לערנט תורה מיט אנדערע, מוז זיך אראפלאזן צו די מדריגה פונעם תלמיד. דער תלמיד פארשטייט נאך נישט אזוי ווי דער רבי פארשטייט, און מען דארף אים קענען מסביר זיין. אנהייבען פונעם אלף, און נאכדעם די בית, ביז ער קומט צו, אז ער זאל פארשטיין וואס מען לערנט. מוז ער דאך מוותר זיין אויף זיין שלימות, כדי ער זאל קענען געבן פארן תלמיד. אויב דער רבי איז נישט גרייט מוותר צו זיין אויף זיין שלימות, ער וויל ווייטער שטייגען, און ער וויל אויך לערנען מיטן תלמיד, קען דער תלמיד נישט מצליח זיין, ווייל דער רבי קען זיך נישט אראפלאזן צו אים.

**אם** הרב דומה למלאך ה' צבאו'ת, אויב דער רבי איז דומה צו א מלאך ה', אז ער קען בלייבען אן עומד, ער שטייגט נישט ווייטער, די שעה וואס ער איז מקדיש פארן תלמיד זוכט ער נישט צו שטייגען, די שעה זיצט ער און ער לערנט, און ער לאזט זיך אראפ צו די מדרגה פונעם תלמיד, יבקשו תורה מפיהו. ואם לאו, אויב ער איז נישט גרייט צו זיין אזוי ווי א מלאך ה', ער וויל זיין שטענדיג נאר א הולך, אל יבקשו תורה מפיהו.

**דאס** זעלבע איז ביי חינוך פון קינדער, און על אחת כמה וכמה, ווען זיי זענען נאך קליין, און מען דארף זיי מחנך זיין צו תורה, דארף זיך א מענטש אראפלאזן פון זיין מצב וואס ער איז, און יורד זיין לסוף דעתו פונעם קינד, און אים מחנך זיין. - ווען איז ברוך פרי בטנך, ווען קענען די קינדער זיין

געבענטשסט, דרגא תביר, ווען א מענטש גייט אראפ פון זיין מדרגה. אבער אויב דו ווילסט האבען געבענטשטע קינדער, אבער דו וועסט פליען אין הימל, און די קינדער וועסטו לאזען טון וואס זיי ווילן, פון דעם קענען נישט קינדער געבענטשסט ווערן. ברוך פרי בטנך, אוב דו ווילסט אז די קינדער זאלן ווערן געבענטשט, דרגא תביר, טו צוברעכן דיינע מדריגות, גיי אראפ פון דיין מדריגה, דעמאלטס וועסט קענען מחנך זיין געהעריג די קינדער, און די קינדער וועלן זיין געבענטשט.

## דברות קודש והדרכה שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
### לתלמידי 'ישיבה קטנה נועם התורה' שע"י קהלתנו הק' במאנסי
### יום ג' פרשת כי תבוא - י"ז אלול תשע"ה לפ"ק

**די** וואך איז די פרשה פון ביכורים, והיה כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך נחלה, ווען יודען זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האט געגעבן פאר יעדן יוד זיין נחלה אין ארץ ישראל, און עס האט אנגעהויבען צו וואקסען די פירות, און ער איז אריינגעקומען אין זיין פעלד, ווי ער האט געהאט א פייגען בוים, און ער זעהט תאנה שביכרה, אז איינע פון די פירות האט אנגעהויבען צו ווערן געצייטיגט, כורך עליו גמי, האט ער ארויפגעלייגט דערויף א גמי, ער האט געמאכט דערויף א סימן, אז דאס גייט ער ארויפטראגען פארן אייבערשטען אינעם בית ה'. ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם, ער זאל קומען צו דעם כהן וואס וועט זיין אין יענע צייטען, און ער זאל אים זאגען, הגדתי היום לה' אלקיך, איך זאג היינט פארן אייבערשטען, כי באתי אל הארץ אשר נשבע ה' לאבותינו לתת לנו, איך בין אריינגעקומען צו די לאנד וואס דער אייבערשטער האט געשוואוירען אונז צו געבען. און נאכדעם איז דא א גאנצע פרשה, וואס א יוד דאנקט דעם אייבערשטען. ער הייבט אן פון ארמי אובד אבי, וירד מצרימה, און דער אייבערשטער האט אונז געהאלפען, און יעצט האב איך זוכה געווען אז איך בין אין ארץ ישראל, און איך ברענג מיינע פירות, ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלקיך, און ער דאנקט דעם אייבערשטען.

**ביי אונז איז אויך יעצט אן ענין פון ביכורים. מען קען נישט נאר ברענגען פירות בבית ה', נאר מען קען אליין קומען אינעם בית ה'. פאר די בחורים בעצם, עס איז דער אנהייב פון די בחור'ישע יארן, מען איז ארויס פון חדר, און מען קומט אריין אין א ישיבה. עס איז ביכורים וואס א יוד איז מקדיש דעם ראשית פארן רבונו של עולם. און עס איז ביכורים פון די עצם ישיבה אליין, עס איז צוגעקומען נאך א רינגעלע אינעם גאלדענעם קייטעל.** און א יוד דארף דאנקען דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער געבט אים די זכיה, אז ער געפונט זיך נישט אויף די גאס, נאר ער געפונט זיך אין אהלה של תורה, אין א הייליגען מקום, און אן ערליכען מקום. דער באשעפער האט מזמין געווען דעם חשוב'ען ראש ישיבה זאל זיין געזונט, מיט אלע מגידי שיעורים, מקצת שבחם בפניהם, זיי האבען שוין אסאך יארן מרביץ תורה געווען, און זיי געבן אוועק די בעסטע כוחות וואס זיי האבען, מעלה צו זיין בחורים תלמידים עובדי ה'. דארף מען דאנקען און אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען.

*

**דער** יוד האט געזען 'תאנה' שביכרה, איין פייג, איין פרי, איז געווארן געצייטיגט, און ער ווערט אזוי איבערגענומען פון די פרי, און ער לייגט ארויף דערויף א גמי, איך גיי דאס ברענגען אינעם בית ה'. איין פייג איז נישט ווערט אסאך, א פייג איז גארנישט, אזוי ווי די וועלט זאגט, א פייג. עס האט נישט קיין ממשות אין זיך, און ער דאנקט דעם אייבערשטען. פארוואס? ווייל ער ווייסט, אז דאס

איז נאר די התחלה. אויב דער בוים האט ארויסגעגעבן איין פייג, וועט דא צוקומען, און עס וועט זיין אי"ה א גאנצער פולער בוים מיט פירות. און דער חכם וואס איז רואה את הנולד (תמיד לב.), זעהט שוין תיכף ביי די ערשטע פרי וואס איז געצייטיגט געווארן, אז ער מוז דאנקען דעם אייבערשטען. איך זעה טאקע יעצט נאר א קליינע פרי, אבער שפעטער וועט וואקסען נאך פירות אויף דעם בוים. און ווען ער גיט אפ דעם שבח והודאה פארן רבונו של עולם, גיט ער אפ דעם הודאה נישט נאר פאר דעם איינעם פרי וואס איז יעצט געצייטיגט געווארן, נאר ער איז א רואה את הנולד, ער זעהט וואס עס וועט שפעטער ארויסקומען דערפון. עס וועט זיין א גאנצער בוים פול מיט פירות, וואס דער אייבערשטער האט אים מזכה געווען.

*

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז ביכורים איז א רמז, אז א יוד דארף מקדיש זיין דעם ראשית פארן באשעפער. א יוד האט אסאך ערליי ראשית. די יונגע יארן וואס מען האט, דאס איז די ראשית פונעם לעבן. ווען מען ווערט בר מצוה, און מען קומט אריין לעול המצות, דאס איז די ראשית וואס א יוד הייבט אן צו דינען דעם אייבערשטען ווי א בר חיובא. ווען ער קומט לערנען אין ישיבה, דאס איז אויך א ראשית. **און די תורה האט אונז געלערנט, אז אפילו ביי א פרי דארף מען מקדיש זיין דעם ראשית פארן באשעפער, איז דאך א כל שכן ווען מען רעדט פונעם מענטש אליין, אז ער דארף אוודאי אוועקגעבן זיין ראשית פארן אייבערשטען קודש לה'. עס אינטערעסירט מיר נישט קיין שום זאך וואס טוט זיך אויף די גאס, עס אינטערעסירט מיר נישט קיין שום זאך וואס טוט זיך אויסער די כותלי בית המדרש. מיין לעבן איז, צו קומען יעדן צופרי אין בית המדרש, און זיצען דא מבוקר עד ערב, הארעווען און אויסוואקסען א תלמיד חכם.** 'דעם' ראשית בין איך מקדיש פארן אייבערשטען.

**דאס** זעלבע איז דא א ראשית אינעם טאג. יעדן טאג ווען מען שטייט אויף, איז א נייער טאג. ביינאכט האט ער צוריקגעגעבן די נשמה פארן אייבערשטען, בידך אפקיד רוחי, און צופרי גיט אים דער אייבערשטער צוריק זיין נשמה. דער ראשית, **די ערשטע זאך וואס ער טוט, זאגט ער מודה אני, ער דאנקט דעם אייבערשטען. ער גיסט זיך אפ די הענט, ער איז זיך מקדש פארן אייבערשטען. און ערליכע יודן האבען נישט אויסגערעדט פון ווען מען איז אויפגעשטאנען, ביז מען האט געדאווענט. מען איז זיך מטהר, מען גייט אין מקוה, מען לערנט פארן דאווענען, מען איז מקדש דעם ראשית. און אז דער ראשית פונעם טאג איז הייליג, איז דער גאנצער טאג נאכדעם הייליג.** אזוי אויך יעדן ראש חודש האט מען מקדש געווען די התחלה פונעם חודש, א יוד דארף מקדש זיין דעם ראשית פארן באשעפער.

**און** כל שכן ווען עס קומט דער ראשית השנה, עס קומט ראש השנה, דער אנהייב פונעם יאר, וואס אין הייליגע ספרים שטייט, אז ראש השנה איז נישט נאר דער אנהייב פונעם יאר, נאר עס איז דער קאפ פונעם יאר. א מענטש האט פארשידענע אברים, אבער דער קאפ איז ביי אים די חשוב'סטע. אז דער קאפ ארבעט נישט, האט ער גארנישט פון אלע זיינע אברים. פסיק רישא ולא ימות (שבת עה.), אז דער קאפ איז נישטא, האט דער מענטש גארנישט פון זיין לעבן. אזוי איז ראש השנה, ראש השנה דאס איז דער קאפ פונעם יאר. **און ווען א יוד איז מקדש פארן אייבערשטען דעם חודש תשרי, דער ערשטער חודש פונעם יאר, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום הקדוש, דער יום טוב פון סוכות, איז דער גאנצער יאר נאכדעם ביי אים מקודש.**

**און** מען דארף וויסען די חשיבות פון די טעג, נישט איבערלאזען די טעג אז עס זאל אדורכגיין ליידיג. מען דארף זיך מקדש זיין, און זיך צוגרייטען דערצו. און דאס איז דער חודש אלול, אני לדודי ודודי לי (שיר ו-ג). אז מען וויל זוכה זיין צו ודודי לי, אז מען זאל האבען א קירבה צום אייבערשטען, ווען עס קומען די הייליגע טעג, וואס איז א צייט וואס דער אייבערשטער איז נאנט צו אונז. א גאנץ יאר, זאגט די גמרא (ר"ה יח.), קומט אן שווער אז מען זאל צוקומען צום אייבערשטען, אבער דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב (ישעיה נה-ו), די עשרה ימים וואס איז דא צווישן ראש השנה און יום הכיפורים, איז זיך דער אייבערשטער ממציא

צו אונז, עס איז דודי לי. און אז א יוד איז מקדש דעם חודש אלול, אני לדודי, ער געבט אוועק דעם חודש פארן אייבערשטען, איז ער זוכה שפעטער צו ודודי לי, אז דער אייבערשטער איז מיט אים.

*

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא כי תבוא א), אז משה רבינו האט געזען אז עס וועט קומען א צייט וואס דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, און עס וועט בטל ווערן די מצוה פון ביכורים, האט ער געזוכט א מצוה וואס ער קען איינפירן ביי יודען, וואס זאל ערזעצן די מצוה פון ביכורים. האט ער איינגעפירט די מצוה פון תפלה, אז מען זאל דאווענען יעדן טאג ערב ובוקר וצהרים, און דאס וועט זיין במקום פון ביכורים. און אין פשטות מה ענין שמיטה אצל הר סיני, א מענטש האט פירות וואס וואקסט אים, און ער ברענגט ביכורים פארן אייבערשטען, זאגט מען, אויב דו קענסט נישט ברענגען ביכורים, ווייל עס איז נישטא א בית המקדש, זאלסטו דאווענען שחרית מנחה און מעריב.

**שטייט** אין די מפרשים אז דער פשט דערפון איז, אויסער די מצוה פון ביכורים פאר זיך אליין, איז עס געווען א געוואלדיגער לימוד פארן מענטש, אז מען דארף מקדיש זיין דעם ראשית פארן אייבערשטען. יעדער יוד וואס האט געברענגט ביכורים, ער האט גענומען דעם ראשית און ער האט עס אוועקגעגעבן פארן באשעפער, האט עס אים דערמאנט אז נישט נאר 'דעם' ראשית דארף ער מקדיש זיין, נאר זיין טאג דארף ער אויך מקדיש זיין פארן אייבערשטען, זיינע ראשית יארן דארף ער אויך מקדיש זיין פארן באשעפער. ער האט געהאט פאר זיך א לימוד, זיך אראפצולערנען פון די מצוה פון ביכורים, ווי אזוי מען איז מקדש דעם ראשית.

**ווען** עס איז נישטא קיין ביכורים, דער בית המקדש איז חרוב געווארן, פון ווי וועט דער מענטש האבן א לימוד, אז מען דארף מקדיש זיין דעם ראשית פארן באשעפער. האט משה רבינו איינגעפירט אז ביי יעדן שינוי זמן, דארף מען מקדיש זיין דעם ראשית פונעם זמן מיט תפלה. צופרי ווען מען שטייט אויף, עס איז א פרישער טאג, זיי עס מקדש פארן אייבערשטען. צהרים איז א פרישע זמן, די פארמיטאג איז אדורכגעגאנגען, די ערשטע העלפט פונעם טאג איז אדורך, מען האלט שוין ביי די צוויטע העלפט פונעם טאג, בין איך מקדש דעם צהרים פארן אייבערשטען. ווען עס קומט ביינאכט, און עס איז דא א טויש אינעם זמן, דארף עס א יוד מקדש זיין פארן אייבערשטען. ערב ובוקר וצהרים אשיחה ואהמה (תהלים נה-יח), און אז א יוד איז מקדיש דעם ראשית פונעם טאג פארן באשעפער, האט ער נאכדעם דעם גאנצן טאג וואס איז מקודש פארן אייבערשטען. ווען משה רבינו האט געזען, אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, און עס וועט נישט זיין די מצוה פון ביכורים, האט ער איינגעפירט אז יודען זאלן דאווענען, און מקדש זיין יעדע ראשית פונעם זמן פארן באשעפער.

**עס** איז א געוואלדיגע חשיבות אז בחורים זענען מקדש די ראשית פון זייערע יארן, וואס האט א השפעה אויפן גאנצן לעבן שפעטער. מען איז יונג, און מען ווייסט נאך נישט וואס דער לעבן פונעם מענטש איז, און וויפיל חשיבות די יונגע יארן האבען. **גירסא דינקותא, דאס וואס מען לערנט אין די יוגענט, איז א זאך וואס ווערט נישט פארגעסן** (שבת כב:). **עס בלייבט שטענדיג אינעם זכרון, די יארן וואס מען האט יעצט. דאס האט נישט קיין תחליפין, מען קען עס נישט טוישן, מען קען עס נישט וועקסלען מיט עפעס אנדערש. אזא גאלדענעם זמן וואס א בחור האט אין די פאר יאר וואס ער געפונט זיך אין ישיבה, דאס לאזט איבער א רושם אויף זיין גאנצן לעבן שפעטער, און אז מען האט שכל, נוצט מען עס אויס.**

**מען** זעהט אסאך מאל בחורים וואס זענען יצא לתרבות רע, זיי האבען נישט מצליח געווען, און זיי פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין. אלעס נעמט זיך פון דעם, וואס זיי האבען נישט אויסגענוצט זייערע יונגע יארן פאר תורה. ווען זיי וואלטן זיך אריינגעלייגט אין תורה, געלעגן אין תורה, וואלט זייער לעבן געווען אנדערש, ווייל אין די יארן לייגט א יוד אראפ א יסוד פאר זיין לעבן. אזוי ווי ווען מען בויט א הויז, אויב דער פונדאמענט איז גוט, קען מען בויען דארט א הויז,

אבער ווען דער יסוד איז שוואך, איז דער הויז דערויף אויך שוואך. און דאס לערנט אונז ביכורים, אז מען דארף מקדיש זיין די ראשית פארן באשעפער. נישט נאר די פירות זאל מען ברענגען בבית ה', נאר מען זאל זיך אויך ברענגען בבית ה'.

*

**וועט** א מענטש זאגען, אמאל איז געווען ערליכע יודען, גרויסע גאונים, צדיקים, גדולי ישראל, עס איז געווען ביי וועם מען זאל זיך קענען לערנען, האט קומען אין בית ה' געהאט א חשיבות, אבער היינט, שוואכע דורות, עקבתא דמשיחא, עס איז שוין נישט דא ליידער אזוי אויף וועם מען זאל ארויפקוקען, ווי עס איז געווען אמאל, אפשר האט זיך עס געטוישט, פון וואס עס איז געווען. זאגט די תורה, ניין, ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם, זאגט רש"י, אין לך אלא כהן שבימיך, אין יעדן דור איז דא דור דור ודורשיו, **אין יעדן דור האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט זיינע דורשיו, וואס זיי טוען מרביץ תורה זיין, און זיי טוען אויפשטעלן דעם כלל ישראל. דער אייבערשטער קען בעסער די וועלט ווי מיר קענען, און ער פארשטייט וואס מען דארף געבן פאר יעדן דור. דער באשעפער שטעלט צו פאר יעדן מקום זיין דורש, וואס ער זאל אויפשטעלן פארן אייבערשטען, די וואס זענען אונטער אים.**

**ווען** דו ברענגסט ביכורים, און דו ביסט מקדיש דיין ראשית פארן אייבערשטען, זאלסטו קומען אל הכהן אשר יהיה בימים ההם, אפילו ער איז נישט אזא כהן ווי עס איז געווען אמאל, עס איז נישטא היינט א חתם סופר, עס איז נישטא א נודע ביהודא, עס איז נישטא א גר"א, עס איז אן אנדערע תקופה געווארן. אבער ווען דו ווילסט זוכה זיין צו תורה, דארפסטו נישט האבען א גר"א, דו דארפסט נישט האבען א חתם סופר, נאר דו דארפסט האבען איינער וואס זאל זיך איבערגעבן פאר דיר, און לערנען מיט דיר תורה, און דעמאלטס וועסטו שטייגען. - ב"ה, דער מקום האט דעם חשוב'ען ראש ישיבה זאל זיין געזונט, וואס איז שוין אזויפיל יארן מרביץ תורה מיט אזא הצלחה, מען דארף נאר צולייגען די אויערן צו הערן און מקבל זיין, וועט מען אויסוואקסען.

מען בעהט יעדן טאג ביים דאווענען, אבינו אב הרחמן המרחם רחם עלינו, ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל, געב אונז שכל אז מיר זאלן פארשטיין, לשמוע, צו הערן, ללמוד וללמד לשמור ולעשות. דער 'לשמוע' איז לכאורה נישט אויפן ריכטיגען פלאץ. עס וואלט געדארפט שטיין ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל, געב אונז שכל, ללמוד וללמד, שכל דארף זיין צו לערנען. וואס איז דער ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל לשמוע.

**איך** האב געזאגט די פאריגע מאל, אז דער פשט דערפון איז, אז מען דארף האבען שכל צו הערן. 'ותן בלבנו בינה', דער אייבערשטער זאל אונז געבן שכל, 'להבין', אז מיר זאלן פארשטיין, 'לשמוע', צולייגען די אויערן צו הערן. עס איז דא הערן, און עס איז דא דערהערן. וואס מען הערט, דארף מען אריין נעמען אין זיך. און דעמאלטס וועט זיין, 'ללמוד וללמד לשמור ולעשות'. **ווען א בחור ווייסט, אז יעדעסווארט וואס מען זאגט, איז נישט ווייל מען האט נישט געהאט וואס צו טון, האט מען עס געזאגט, נאר מען האט עס געזאגט ווייל מען האט ענק געוואלט לערנען, און מען דארף מקבל זיין און אויפנעמען יעדע ווארט וואס מען הערט אויף אזא אופן אז ער זאל קענען ווייטער אזוי טון. דאס איז די ריכטיגע שכל, וואס אויף דעם דארף מען בעטן ותן בלבנו בינה, געב אונז שכל, להבין ולהשכיל, אז מיר זאלן האבען שכל, לשמוע, צו הערן. און אז דו וועסט האבען שכל צו הערן, וועסטו אנקומען. און עס וועט זיין ללמוד וללמד לשמור ולעשות, עס וועט צוברענגען ווייטער אויך צו דינען דעם אייבערשטען.**

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט די וואך אין די פרשה (תורת משה קיח:), ער קומט צום כהן מיט זיין קארב אין די הענט, און ער זאגט פארן כהן הגדתי היום לה' אלקיך, כי באתי אל הארץ אשר נשבע ה' לאבותינו לתת לנו, איך בין געקומען קיין ארץ ישראל. דאס איז געווען די ערשטע אמירה. נאכדעם נעמט דער כהן די טנא, והניחו לפני מזבח ה' אלקיך, וענית ואמרת, זאגט ער א ווידוי וואס ער דאנקט דעם אייבערשטען. עס איז עפעס אזוי ווי אפגעטיילט, ער קומט צום כהן און ער זאגט דעם

איינעם פסוק, הגדתי היום לה' אלקיך כי באתי אל הארץ. נאכדעם נעמט דער כהן די טנא, און ער זאגט די גאנצע פרשה וואס שטייט שפעטער.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, א יוד ברענגט ביכורים פארן אייבערשטען, ער דאנקט אז דער באשעפער האט אים געגעבן א נחלה מיט פירות. דאס איז דער גאנצער גליק? אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א שטיקעלע פעלד? ער האט דיר געגעבןביימער מיט פירות, און ער האט דיר ארייגעברענגט אל ארץ זבת חלב ודבש, אזא פיינעם גשמיות'דיגע לאנד ווי עס איז דא כל טוב? אוודאי דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען אויף יעדע זאך וואס דער אייבערשטער טוט מיט א מענטש, אבער ארץ ישראל אליין איז נישט גענוג הייליג? ווען דער אייבערשטער זאל אונז נאר געבן א ליידיגען ארץ ישראל, א ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, תמיד עיני ה' אלקיך בה, די ברכה און די קדושה וואס איז דא אין ארץ ישראל, דער **ב"ח** (או"ח סימן ר"ח) זאגט, אז ווען מען האט געגעסן די פירות פון ארץ ישראל איז א יוד נתקדש געווארן, ער איז הייליג געווארן, אויף דעם קומט נישט קיין שבח?

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ווען א יוד איז געקומען אין בית המקדש, האט ער די ערשטע זאך געזאגט, רבונו של עולם איך דאנק דיר אז דו האסט מיר געגעבן ארץ ישראל, דו האסט מיר געגעבן אזא הייליגען מקום. אפילו עס וואלט געווען ליידיג אן פירות, עס וואלט גארנישט געווען דא, דאנק איך אויף דעם אייבערשטען. שפעטער גיט ער נאך א הודאה, אז דו האסט מיר נישט געגעבן א ליידיגע ארץ ישראל, נאר דו האסט מיר געגעבן אן ארץ וואס איז זבת חלב ודבש. דו האסט מיר געגעבן א לאנד וואס איז אויך דא דערין פירות, וואס איך קען מקדיש זיין פארן באשעפער.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ווען ער איז אנגעקומען אין בית המקדש, און ער האט געברענגט זיינע ביכורים, ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם, ווען דו וועסט אנקומען צום כהן, נאך בעפאר די געבסט איבער די פירות פאר אים, ווען דו האסט נאך די פירות אויף דיין אקסעל, זאלסטו זאגען הגדתי היום לה' אלקיך, איך דאנק דעם אייבערשטען, כי באתי אל הארץ אשר נשבע ה' לאבותינו לתת לנו, אז דער אייבערשטער האט אונז ארייגעברענגט קיין ארץ ישראל, אויף דעם אליין דאנק איך דעם באשעפער. נאכדעם ולקח הכהן הטנא מידך, נאכדעם וואס דער כהן נעמט דעם טנא, און ער לייגט עס אראפ לפני מזבח ה' אלקיך, געבט ער נאך א הודאה פארן באשעפער, אז מיר זענען געווען אין מצרים, און דער באשעפער האט אונז ארויסגענומען פון דארט, ויבאנו אל המקום הזה, און ער האט אונז געברענגט צו דעם פלאץ, ויתן לנו את הארץ הזאת, ארץ זבת חלב ודבש. עס איז צוויי ערליי הודאות, עס איז דא אן עצם הודאה וואס מען דאנקט דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט אונז ארייגעברענגט קיין ארץ ישראל. און נאכדעם געבט ער א הודאה, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אן ארץ זבת חלב ודבש.

**א בחור וואס קומט אין ישיבה לערנען, דארף אפגעבן פארן באשעפער צוויי הודאות. די ערשטע הודאה וואס ער דארף געבן פארן אייבערשטען, אפילו עס וואלט נישט געווען א טיש און בענקלען, עס וואלט נישט געווען וואס צו עסן, אויף דעם אליין אז ער האט די זכיה צו זיצן באהלה של תורה, און אויסוואקסען א תלמיד חכם, קומט זיך א שבח והודאה פארן רבונו של עולם. און כל שכן ווען מען קען אפגעבן א שבח והודאה אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן אז מען שטעלט מיר צו פון אלעם וואס איך דארף צו האבען, פון צופרי ביז ביינאכט. מען טראגט נישט קיין שום דאגה, מען האט נישט קיין שום עול, אלעס איז צוגעשטעלט, איך דארף נאר טון איין זאך, זיצען און לערנען. עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס פעלט פאר א בחור אין ישיבה, וואס זאל אים שטערן אז ער זאל נישט קענען וואקסען אין תורה. דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען סיי אויף דעם עצם זאך כי באתי אל הארץ, אז ער איז אריינגעקומען אין אזא הייליגען מקום, אין א בית המדרש וואו מען זיצט און מען לערנט. און נאכדעם דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען פאר די איבריגע טובות, אז דער אייבערשטער האט געהאלפען אז ער איז צוגעקומען ביז אהער.**

*

**מען** דארף אויסנוצן די ראשית יארן פאר תפלה, פאר עבודה שבלב (תענית ב.). תפלה איז נישט א עבודה וואס מען זאגט מיט דעם מויל, נאר עס איז אן עבודה מיטן הארץ, מען דארף נאר ארויסזאגען די ווערטער מיטן מויל. ווען מען דאווענט אן א כוונה, דאס דאווענען איז אן א חיות, איז די דאווענען נישט מער ווי א גוף אן א נשמה, אזוי שטייט אין הייליגע ספרים. וואס איז דער חילוק צווישן א לעבעדיגען מענטש און א טויטן מענטש, אז ער האט אין זיך א חיות. א טויטער מענטש האט אלע אברים אזוי ווי א לעבעדיגער מענטש, אבער עס איז גארנישט.

**ביים דאווענען געבט מען א שבח והודאה פארן באשעפער אויף אלעם וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים. אילו פינו מלא שירה כים, ולשונינו רנה כהמון גליו, אין אנו מספיקין להודות, קען מען נישט גענוג דאנקען. און דאס איז תפלה, זיך אויסגיסן דאס הארץ און מתפלל זיין. מען איז יונג, מען האט אזויפיל צו בעטן, מען דארף האבען אזויפיל הצלחה, אז עס זאל נישט אריינקומען א מכשול אינעם לעבן פונעם מענטש. און א מכשול מיינט מען נישט אן עקסידענ"ט וכדומה, נאר א מכשול מיינט מען פשוט, אז מען זאל קענען שטייגען. וויפיל זאכען איז דא וואס מאכן שוועריקייטן, דער יצר הרע שלאפט נישט, און ער זוכט אויף אלע וועגן אוועקצורייסען א בחור פון תורה, ער איז קלוג, און ער כאפט ליידער אריין זייער אסאך. ווען א מענטש מאכט זיך אבער א גדר, איך האב נישט קיין שום שייכות צו די אלע כלים וואס איז היינט דא, עס איז נישט פאר מיר, ניטאמאל וויל איך עס אנקוקען, איך וויל נישט צורירן דערצו, איך וויל נישט האבען קיין שייכות דערצו, עס באלאנגט נישט פאר מיר. מיין עבודה איז, צו זיצען אין בית המדרש און לערנען, און שטייגען אין תורה, דארף מען אויף דעם אסאך בעטן און מתפלל זיין.**

**יעדער** מענטש ווערט געבוירן מיט שלעכטע מדות, מדות מגונות, מיאוסע מדות, אכזריות'דיגע מדות, קיין איינער ווערט נישט געבוירן א מושלם. מיר אלע ווערן געבוירן מיט מדות רעות, נאר מען האט שכל עס צו באהאלטן, אבער בעצם דער מענטש אליין פאר זיך, האט אין זיך זייער שווערע מדות, וואס מען דארף אויף דעם ארבעטן. **עס איז דא מוסר ספרים, און חסידישע ספרים, וואס מען לערנט, מען הערט מוסר פון די מגידי שיעורים, און פון די ראש ישיבה. נישט מען הערט, און עס איז נישט נוגע פאר מיר, נאר יעדע ווארט וואס מען הערט זאל מען וויסען אז עס איז נוגע פאר מיר.** ווי דער **רמב"ן** (באגרת מוסר) זאגט, אז ווען מען שטעלט זיך אויף פון א ספר, דארף מען טראכטען וואס האב איך געלערנט יעצט, און וואס קען איך זיך אפלערנען פון דעם, זיך צו פירן ווייטער. **מען געבט אמאל א שמועס, זאל מען טראכטען נאכן שמועס, וואס איז דער שמועס נוגע פאר מיר, וואס קען איך פון דעם אראפלערנען, וואס דארף איך ביי מיר מתקן זיין, דעמאלטס וואקסט מען אויס, און מען שטייגט אויס.**

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויף שטייגען און תורה און אין יראת שמים. קענען ערליך דאווענען, און ערליך לערנען, דאס איז דאך דער עיקר פון תורה, צו לערנען תורה בקדושה ובטהרה. ווען א מענטש היט זיך פון אונטען, היט מען אים פון אויבן, אדם מקדש עצמו מלמטה, מקדשין אותו מלמעלה, ווען א מענטש איז זיך מקדש מעט, מקדשין אותו הרבה (יומא לט.). מען בעהט נישט פון אונז אסאך, פתחו לי פתח כחודו של מחט, עפען מיר אזוי ווי די שפיץ פון א נאדל. איך וויל זיין גוט, איך וויל זיין וואויל, און נישט נאר איך וויל, ווייל יעדער וויל, נאר איך גיי טון דערצו וויפיל איך קען. איך בין שוואך איך האב נישט קיין סאך כוחות וויפיל איך קען טון, אבער איך גיי טון וואס איך קען טון צו שטייגען, איז דא א סייעתא דשמיא וואס דער אייבערשטער העלפט אז מען איז מצליח.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה, אויסנוצן דאס לעבן פאר תורה און עבודת ה', און מצליח זיין אויסצוואקסען תלמידי חכמים יראי ה', אז עס זאל זיין א נחת רוח פארן רבונו של עולם. מיר זאלן אלע האבען א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.